# קטן שהגדיל בערב פסח שחל בשבת

ערב פסח שחל בשבת | תענית אסתר שחל בשבת

תענית בכורות / תענית אסתר / שינוי מהות או שינוי טכני / סכך פסול

לע"נ זאב ארי' ע"ה בן יבלחט"א שניאור זלמן גליק

**בנוגע** צו ערב פסח שחל להיות בשבת איז דאָ אַ שאלה, אויף ערב פסח איז דאָך פאַראַן אַ חיוב אויף בכורים צו פאַסטן, ווען ערב פסח איז חל להיות בשבת ווערט דער תענית נדחה ליום ה׳.[1]

איז די שאלה: אַ קטן שהגדיל בערב פסח שחל בשבת - וואָס דאַמאָלסט איז מען מקדים דער תענית צו יום ה׳ - ווי איז ער יוצא זיין חיוב? ביום ה׳ איז ער נאָך אַלץ ניט קיין בר חיובא, און שבת טאָר מען ניט פאַסטן. אויב אַזוי ווען עס קומט שבת האָט ער נאָך אַלץ דער חיוב, און ער האָט ניט געקענט יוצא זיין פריער?

צו דאָס פאַרשטיין דאַרף מען פריער מבאר זיין דער כללות'דיקן גדר פון אַ תענית מוקדם:

מען קען דאָס מסביר זיין אויף צוויי אופנים, איין אופן איז אַז מען האָט איבערגעשטעלט דער תענית אויף יום ה׳.

דער צווייטער אופן איז, אַז מען האָט מתקן געווען אַז מען קען יוצא זיין דער חיוב פון שבת ביום ה׳, אָבער בעצם בלייבט דער חיוב אויף שבת.

ויש לומר, אַז די צוויי סברות זיינען על דרך די צוויי דעות בנוגע צו סכך: דער דין איז דאָך אַז נסרים (ברעטער) וואָס זיינען רחב ד׳ טפחים[2] - זיינען פסול פאַר סכך, אָבער אויב די נסרים זיינען פחות מג׳ טפחים - זיינען זיי כשר פאַר סכך.

ווי איז דער דין באַ נסרים וואָס זיינען רחב ד׳ טפחים און הפכן על צידיהן? איין מאן דאמר האַלט אַז עס איז כשר, וויבאַלד אַז יעצט זיינען זיי פחות מג׳ טפחים. און דער צווייטער מאן דאמר האַלט אַז כאָטש יעצט זיינען זיי פחות מג׳ וואָס בדרך כלל איז עס כשר, אָבער בנדון זה ווערט דער גאַנצער נסר פסול, וויבאַלד אַז פון איין זייט זיינען זיי רחב ד׳ טפחים, און מען רעכנט זיי ווי "נעשו כשפודין של מתכת" (זיי ווערן אַזוי ווי שטעקן'ס פון אייזן, וואָס אייזן איז פסול פאַר סכך).

ויש לומר, אַז די סברת המחלוקת איז, אויב דער פסול פון רחב ד׳ ווערט דער גדר פון דער גאַנצער נסר אָדער ניט.

1. רמ"א סימן ת"ע סעיף ב׳
2. סוכה יד, ב

על דרך זה קען מען דאָ זאָגן: די צוויי אופנים אין דחיית התענית זיינען תלוי צי מען לערנט אַז ווען די חכמים שטעלן איבער דער תענית אויף יום ה' ווערט דאָס דער גדר פון דער תענית (אַז דער יאָר איז דער תענית ביום ה') אָדער ניט.

איין נפקא מינה צווישן די צוויי אופנים איז, אויב איינער האָט פאַרגעסן פאַסטן ביום ה', איז אַ שאלה צי דען איז ער חייב צו משלים זיין דער תענית בערב שבת.

אויב מען לערנט אַז דער חיוב ווערט איבערגעשטעלט אויף יום ה', וואָלט אויסגעקומען אין סברא אַז ביום ו' זאָל ער ניט פאַסטן, וויבאַלד אַז דער חיוב דמעיקרא איז שוין אַריבער, און יעצט איז ער נאָר משלים אַ פריערדיקן חיוב, איז ניט מסתבר אַז ער זאָל פאַסטן בערב שבת וואָס בדרך כלל פאַסט מען ניט בערב שבת "משום כבוד שבת." (ווייל יש אומרים[3] אַז בקביעות זו פאַסט מען בכלל ניט, על אחת כמה וכמה דאָ וואָס דער חיוב איז שוין אַריבער.)

אָבער אויב מען לערנט אַז דער פאַסטן ביום ה' פטר'ט דער חיוב פון שבת, קומט אויס אַז דער עיקר החיוב איז נאָך אַלץ במקומה עומדת און ער איז חייב צו פאַסטן ביום ו'.

**ב** מען קען ברענגען אַ ראיה צו ביידע צדדים:

אַ ראיה אַז דער חיוב בלייבט ביום השבת: בנוגע צו תענית אסתר פסק'נט דער רמ"א[4] אַז אויב ערב פורים איז חל בשבת - וואָס דאַמאָלסט איז מען דוחה תענית אסתר ליום ה' - און עס איז דאָ אַ ברית מילה ביום ה,' זאָל מען מאַכן די סעודה ביום זה און משלים זיין דער תענית ביום ו.' וואָס לכאורה פון דאָ איז מוכח אַז אויב מען האָט ניט געפאַסט יום ה' איז נאָך אַלץ פאַראַן דער חיוב צו פאַסטן ביום השבת, און ניט אַז מען האָט אינגאַנצן מעביר געווען דער תענית ליום ה.'

מען קען אָבער ברענגען אַ ראיה לאידך גיסא: דער מנהג איז אַז בתענית בכורים זיינען די בכורים זיך משתתף אין אַ סיום און דורך דעם ווערט

3. שולחן ערוך שם
4. סימן תרפ"ו סעיף ב'

נפקע דער חיוב להתענות. אין אַ קביעות וואָס ערב פסח איז חל בשבת מאַכט מען דעם סיום ביום ה.׳ לכאורה, אויב מען זאָגט אַז דער חיוב איז געבליבן אויף יום השבת וואָלט געדאַרפט זיין דער דין אַז מען זאָל מאַכן אַ סיום אויך אויף שבת, ווייל דער סיום ביום ה׳ האָט ניט מפקיע געווען דער תענית, נאָר עס האָט געהאָלפן אַז מען זאָל ניט דאַרפן פאַסטן ביום ה׳. און מען געפינט ניט בשום מקום אַז מען זאָל זיך אַזוי פירן!

וואָס פון דעם איז לכאורה מוכח אַז דער תענית ווערט אינגאַנצן איבערגעשטעלט אויף יום ה׳.

ס׳קיין קשיא ניט פון די ראי׳ וואָס מ׳האָט פריער געבראַכט פון תענית אסתר, ווייל ביי תקנות חכמים געפינט מען אַ סך פאַרשידענע סוגי תקנות, און עס קען זיין אַז אויך דאָ איז די תקנה געווען אויף אַן אַנדער אופן ווי ביי תענית אסתר.

ובפרט אַז דאָ קען מען מחלק זיין: תענית אסתר האָט מען לכתחילה קובע געווען בי״ג אדר ווייל דאָס איז דער טאָג וואָס "נקהלו לעמוד על נפשם,"[5] דעריבער, אין אַ יאָר וואָס מען איז דאָס דוחה קען מען זאָגן אַז דאָס איז נאָר בגדר תשלומין. משא״כ תענית בכורות האָט מען לכתחילה ניט קובע געווען אין דער ריכטיקער זמן, ווייל באמת האָט עס געדאַרפט זיין בט״ו ניסן נאָר מען האָט עס דוחה געווען לערב פסח ווייל "אי אפשר ביום טוב."[6] קומט אויס אַז לכתחילה ווען מען האָט מתקן געווען איז דאָס אַ דחי,׳ קען מען זאָגן אַז ווען מען איז דוחה צו אַן אַנדער טאָג איז דאָס ניט בגדר תשלומין, נאָר עס איז פונקט ווי די תקנה איז געווען לכתחילה.

**ג** לכאורה קען מען זאָגן אַז די שאלה בנוגע צו אַ קטן שהגדיל בערב פסח שחל להיות בשבת איז אויך תלוי אין די צוויי אופנים:

דער מנהג איז[7] אַז דער טאַטע פאַסט במקום בנו בכורו הקטן. ווערט די שאלה צי דען זאָל דער טאַטע פאַסטן בשביל בנו בכורו הקטן ווען ערב פסח איז חל בשבת און דער קטן ווערט בר מצוה בערב פסח.

אויב מען נעמט אָן אַז מען האָט אינגאַנצן מעביר געווען דער תענית ליום ה׳, קומט אויס אַז דער טאַטע זאָל פאַסטן פאַר זיין זון, ווייל ער איז נאָך אַלץ אַ קטן בעת התענית.

5. טור אורח חיים סימן תרפ״ו
6. ברכי יוסף סימן ת״ע ס״ק ז׳
7. רמ״א סימן ת״ע שם. שו״ע אדה״ז סימן ת״ע סעיף ד׳

אָבער אויב מען נעמט אָן אַז דער חיוב איז באמת ביום השבת, קען דער טאַטע ניט פאַסטן ביום ה׳ במקום בנו, ווייל בעת החיוב וועט דער זון שוין זיין אַ בר חיובא מעצמו. און אויב מען זאָגט אַז דער קטן אַליין זאָל פאַסטן, איז דאָך ניט פשוט אַז אַ קטן זאָל קענען פטר׳ן דער חיוב אין וועלכע ער וועט שפּעטער נתחייב ווערן אַלס אַ גדול.

וואָס לויט דעם קומט אויס לכאורה, אַז מען מוז אָננעמען ווי דער ערשטער אופן, אַז דער חיוב ווערט איבערגעשטעלט אינגאַנצן אויף יום ה,׳ ווייל אויב מען נעמט אָן אַז עס איז נאָר בגדר תשלומין, וועט אויסקומען אַז דער יאָר וועט ביי אים פעלן דער ענין פון תענית בכורות, וואָס ווי קען מען זאָגן אַז ביז דער יאָר איז ער געווען חייב מצד חינוך, און אויף ווייטער וועט ער זיין חייב, אָבער דער יאָר אינצווישן וועט ער זיין פטור!

ד דער אמת איז אַז אויך לויט דער צווייטער אופן קען מען זאָגן אַז דער קטן קען מקיים זיין דער חיוב פון פאַסטן:

מען געפינט אַז אַ קטן איז מחוייב זיך צוגרייטן צו זיין בר מצוה, לערנען אַלע הלכות פון די מצוות וואָס ער וועט אין זיי זיין מחוייב. דאָס הייסט, כאָטש אַז יעצט איז ער נאָך ניט בר מצוה פונדעסטוועגן איז ער מחוייב - אַלס קטן - זיך צוגרייטן.

על דרך זה קען מען זאָגן דאָ, וויבאַלד אַז דער תענית איז חל בשבת און דאַמאָלסט קען ער ניט פאַסטן, קען מען זאָגן אַז אויף דער קטן ליגט שוין ביום ה׳ אַ חיוב צו פאַסטן צו באַוואָרענען זיין חיוב וואָס וועט זיין שפּעטער.

ה פון דעם לערנט מען אַרויס אַ הוראה, אויף וויפיל עס איז נויטיק דער ענין החינוך, ווייל אויב מען וויל אַז ווען מען ווערט עלטער זאָל מען טאָן אונזער עבודה ווי דער אויבערשטער וויל, דאַרף מען באַלד אָנהויבן מיט חינוך בכדי צו זיך צוגרייטן צו דער צייט ווען מען וועט ווערן א גדול.

על פי ליקוטי שיחות חלק י״ז שיחת ערב פסח

# קיצור לחזרה

1. שאלה בנוגע לקטן שהגדיל בערב פסח שחל להיות בשבת. ב' אופנים בדחיית התענית על פי המחלוקת בנסרים.

2. נפקא מינה אם לא התענה ביום ה', אם צריך להתענות ביום ו'.

3. ראי' לכל צד: מתענית אסתר יש ראי' שרק נדחית, ומזה שאין עושים סיום בשבת יש ראי' שנפקע לגמרי משבת ליום ה'. חילוק בין תענית בכורות לתענית אסתר.

4. שאלה בחיוב הקטן להתענות בקביעות זו תלוי בב' אופנים הנ"ל.

5. גם לאופן השני אפשר שיש חיוב להקטן לצאת ידי חובתו מצד חינוך.

6. הוראה בחשיבות החינוך.